**דברות קודש מכ"ק מרן רבינו שליט"א**
**א לעכטיגן גוט מארגן ג האזינו ד תשרי תשפז**
**קול פנים מאירות 845-414-8211**

## א נייע התחלה: די עבודה פון ימים נוראים און התגלות מלכות שמים

א גוט מארגן, דינסטאג עשרת ימי תשובה, ד' תשרי תשפ"ז. א פרייליכן, לעכטיגן און געבענטשטן גוט מארגן; א פרייליכן, לעכטיגן און געבענטשטן טאג; א פרייליכן, לעכטיגן און געבענטשטן יאר; און א פרייליכן, לעכטיגן און געבענטשטן תמיד.

ברוכים הבאים בשם ה', הודו לו ברכו שמו.

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, עס הייבט זיך אן א נייע יאר פון "פנים מאירות" אשב"ש. די שיעורי א לעכטיגן גוט מארגן, סאיז גוט בשעה טובה ומוצלחת. לאמיר בעטן דעם הייליגן באשעפער אז מיר זאלן האבן די כוחות, די מוחות און די סייעתא דשמיא – דעם כח הרבים און דעם זכות הרבים – זיך צו קענען מחזק זיין און משמח זיין אינאיינעם אלס אידישע קינדער, און זיך שטארקן אין אמונה, שלום, בטחון און שמחה. אין אלע ענינים פון דביקות בבורא ברוך הוא,

זאל דער הייליגער באשעפער העלפן עס זאל זיין מיט חיזוק און סיעתא דשמיא, שמחה מתוך שמחה און הצלחה מתוך הצלחה, בדרך הטבע שלא בדרך הטבע. דער הייליגער באשעפער זאל העלפן.

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, מיר געפינען זיך יעצט אין די ימים נוראים. וואס איז דער פשט פון די ווערטער "ימים נוראים"? זאגט דער צמח צדק אז ימים נוראים מיינט נישט אז מיר האבן מורא פון עונשים צוליב דעם וואס עס איז דא א יום הדין. **ימים נוראים איז די התגלות פון כבוד מלכותו יתברך שמו בעולם. מיר זאגן אז דער הייליגער באשעפער איז א "מלך נורא"**, א "מלך גדול ונורא". להבדיל, ביי א מלך בשר ודם האט יעדער א פחד, אבער מען האט נישט דוקא מורא פאר א שטראף; עס איז א יראת הכבוד. דאס זענען די ימים נוראים – טעג ווען אידישע קינדער אנערקענען אז "כי קל מלך גדול ונורא", אז עס איז דא א פחד אלקים, א פחד און א יראה עליונה. א געוואלדיגע התגלות פון כבוד שמים און התגלות מלכותו יתברך, דאס איז וואס ברענגט די ימים נוראים.

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, מען דארף אויסנוצן די טעג טאקע ארויסצוברענגען די געוואלדיגע התגלות כבוד שמים, צו לעבן אין דעם, און ממליך זיין דעם אייבערשטן אויף יעדע מחשבה, דיבור און מעשה. מיר דארפן מבטל זיין אונזער גאנצן "כחי ועוצם ידי", אונזער גאנצע חכמה, בינה ודעת, און אלע אונזערע אייגענע רצונות און תאוות, נאר זיך מכניע זיין און משעבד זיין אונטערן עול מלכות שמים – "אין עוד מלבדו". עס איז נישטא קיין שום כח בעולם גארנישט צו טון, גארנישט צו געבן און גארנישט צו נעמען. א בשר ודם גיט אונז גארנישט, קען אונז גארנישט געבן, און מיר דארפן גארנישט פון א בשר ודם.

## דארפן נאר פון דעם אייבערשטן און נישט פון קיין בשר ודם

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, דער יצר הרע רעדט אונז איין א גאנץ יאר אז מיר דארפן זאכן פון אנדערע: מיר דארפן פון אונזערע עלטערן, פון אונזערע קינדער, פונעם מאן אדער פונעם ווייב, פון די שכנים און פון די חברים.

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, מען דארף נאר דעם אייבערשטן! אלע די הרגשים און געפילן ווען א מענטש שפירט אז ער דארף געזעלשאפט, ליבשאפט, כבוד, אנערקענונג, ווארימקייט אדער גוטע ווערטער – דאס איז א תאוה'דיגע, מגושם'דיגע און חומריות'דיגע אויג-פארבלענדעניש פונעם יצר הרע. ער וויל אונז פארגרעבן און מגשם זיין, און ער וויל אונז חלילה מרחק זיין פונעם הייליגן באשעפער.

**בעזרת השם ובסיעתא דשמיא, אין דעם יאר תשפ"ז וועלן מיר זיך כסדר מחזק זיין מפי ספרים וסופרים, זיך שטארקן מיט חכמה, בינה ודעת, און מיט געוואלדיגע חיזוק ווערטער און מעשיות פון צדיקים, אז מיר דארפן נאר דעם אייבערשטן. רבונו של עולם, גיבט אונז קאמפלימענטן, גיבט אונז ליבשאפט, גיבט אונז אנערקענונג און גוטע ווערטער – אלעס גיט אונז דער אייבערשטער.**

דער אייבערשטער האט שוין זיינע שליחים; אמאל שיקט ער א שליח בשר ודם, און אמאל גיט ער די זעלבע הרגש, דעם זעלבן געפיל און די זעלבע רואיגקייט פון כביכול דעם הייליגן באשעפער אליין, און דו דארפסט עס נישט פון א בשר ודם. וואס מער א מענטש שפירט אז ער דארף פון א בשר ודם, אלץ מער דערווייטערט איז ער נעבעך פונעם הייליגן באשעפער.

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, די עבודת הקודש פון תשפ"ז איז אז מיר דארפן נאר פונעם אייבערשטן. אוודאי איז דא א דרך הטבע אז ווען מען באקומט עפעס זאגט מען "שכוח אייברשטער", און עס איז דא א סדר וויאזוי א געזעלשאפט פירט זיך, אבער דאס קומט נישט דורך פאדערן, האבן טענות, פירוד לבבות, צווינגען אדער דיקטאטורן. מען זאל נישט זיין א

גאנצן טאג פארנומען מיט "וויפיל באקום איך?", "וואס האב איך?", "וויאזוי קוקט מען אויף מיר?", "וויאזוי רעדט מען צו מיר?", "וויאזוי באטראכט מען מיר?", און "צי באקום איך אלעס וואס איך דארף?", ווי דער שפראך איז: "וואס האב איך דערפון?".

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, מיר זענען דא אויף דער וועלט צו טון דעם רצון הבורא. דאס וואס מיר האבן אויף דער וועלט פון אלעס וואס מיר טוען, איז דאס וואס מיר מאכן א נחת רוח פארן אייבערשטן.

**איך געב מיך אוועק פאר מיין מאן, פאר מיין ווייב, פאר מיינע קינדער, פאר מיינע עלטערן, פאר מיינע מחנכים און מחנכות, שכנים און שכנות, און פארן גאנצן כלל ישראל – ווייל דאס וויל דער אייבערשטער. נישט ווייל איך באקום עפעס, נישט ווייל איך שפיר עפעס, און נישט ווייל עס ברענגט מיר א סיפוק.**

דער גרעסטער סיפוק אויף דער וועלט פאר א מענטש איז: "איך טו דעם רצון השם מיט א ביטול הרצון". עס איז נישטא קיין "כוחי ועוצם ידי". עס איז אן עבודה, א שווערע עבודה, בפרט ווען דער יצר הרע האט אריינגעברענגט אזא אויג-פארבלענדעניש און אזעלכע תאוות און גלוסטענישן פון א גאנצן טאג וועלן און תובע זיין פון אנדערע מענטשן: "גיב מיר, מאך מיר, טו מיר, איך ברויך און איך מוז, און איך קען נישט אנדערש."

אבער באמת גייען מיר זיך שטארקן. מיר דארפן גארנישט – נישט פון אונזערע עלטערן, נישט פון אונזערע קינדער, נישט פון די מחנכים, נישט פון די חברים, און נישט פונעם מאן אדער פרוי. מיר דארפן גארנישט נאר פונעם אייבערשטן. און וואס עס פעלט אונז, רעדן מיר צום אייבערשטן.

מיר גייען נישט זוכן גוי'אישע הילף און פרעגן פונעם גוי וויאזוי מען קען זיך פארגרעבן, אדער וואסערע "רעכטן" איך האב זיך מגשם צו זיין און פארדארבן די מחשבה, דיבור און מעשה מיט די אלע גוי'אישקייטן, כפירה און ליידיגקייט, וואס דערווייטערט חלילה פון די תורה און פונעם אייבערשטן.

אדרבה ואדרבה, דאס איז ימים נוראים – די התגלות כבוד שמים. מיר גייען א גאנץ יאר אנגיין מיט דעם, בעזרת השם ובסיעתא דשמיא. אויף דעם גייען מיר הארעווען, דאס זענען אונזערע תפילות, און מיט דעם גייען מיר זיך אינאיינעם מחזק זיין, הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער. בעזרת השם ובסיעתא דשמיא, "תתחדש כנשר נעוריכי", "המחדש בטובו בכל יום תמיד מעשה בראשית". מיר זענען שוין מיט א יאר נענטער צום סוף וועלט און נענטער צו ביאת המשיח. עס איז שוין צייט זיך ארויסצולייגן פון די אלע מגושם'דיגע, חומריות'דיגע און אנוכיות'דיגע זאכן, און זיך אריינלייגן אין א דערהויבנקייט.

**הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, העלפט ארויס צושפרייטן "פנים מאירות" איבער די גאנצע וועלט.** זאלן נאך און נאך טויזנטער אידן נתקרב ווערן צום אייבערשטן, זיך אפלאזן פון אלע חומריות און אנוכיות, זיך מבטל זיין, ליב האבן יעדן איינעם און לעבן מיט א שמחה פון "שלא עשני גוי", כדי צו מאכן א נחת רוח פארן בורא יתברך שמו.

## קיין איין מאכל ווערט מער נישט אנגערופען 'זויער'

הייליגע לעכטיגע קינדער, מיר האבן שוין גערעדט פאר ראש השנה און מיר גייען עס יעצט נאכאמאל דערמאנען.

עס זענען דא אסאך מיני עסן וואס מען רופט "זויער": זויער טייג, זויערע פיקלס, זויער פלייש, זויערע טאמאטעס און זויערע פאפריקע.

**הייליגע לעכטיגע קינדער, לאמיר אויפהערן צו ניצן דאס ווארט "זויער". מיר זענען נישט זויער, מיר זענען בשמחה! דאס ווארט "זויער" פאסט פאר די גוי'אישע וועלט**; די שטודירטע גוי'אישע וועלט איז זויער. מיר גייען עס טוישן אזוי: **ווען מען זאגט דאס ווארט "זויער", זאל עס מיינען די שטודירטע וועלט – דאס איז זויער.**

מיר אבער רעדן פון **אריגינעלע חלות, געווייקטע פיקלען און געווייקטע טאמאטן. מען רעדט פון "געווייקטע" און פון "אריגינעלע".**

זויער איז נאר גוי'אישקייט, אידישקייט איז נישט זויער. מיר עסן נישט זויער, מיר טרינקען נישט זויער און מיר קויפן נישט איין זויער. מיר האבן גארנישט מיט זויער; מיר זענען פריילך, מיר זענען לעכטיג, מיר האבן א צורה פון א פרייליכן איד, פון א בן ובת מלך, פון גליקליכע, רייכע, דערהויבענע און חשוב'ע קינדער פונעם מלך מלכי המלכים.

**עס איז מער נישטא קיין "זויער" – מען זאגט נישט זויער, מען טראכט נישט זויער, מען רעדט נישט זויער און מען איז נישט זויער. אלעס איז אריגינעל; עס זענען דא געווייקטע ירקות און געווייקטע פירות. עס איז געווייקט, מיר האבן נישט קיין**

**זויער**. דער גוי איז זויער, און אלעס וואס האט צו טון מיט גוי'אישקייט, דאס רופן מיר זויער.

## צדקה און כפרות: שטיצן די הייליגע עבודה פון פנים מאירות

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, מען האט מיך געבעטן מעורר צו זיין, בפרט יעצט פאר די מאנסי'ער אידן, אז איינע פון די הכנסות פאר די קהילה פון "פנים מאירות" קומט פון די כפרות ערב יום כיפור. מיר האבן א גאר חשוב'ן שוחט, א גרויסן ירא שמים מיט א געוואלדיגע זהירות. **מען בעט אז דער עולם זאל זיך צוזאמקומען ערב יום כיפור פארטאגס; מען זאגט דא מנינים סליחות און מען מאכט דא כפרות, וואס דאס איז א געוואלדיגע גרויסע הכנסה פאר פנים מאירות**. מען קען עס באשטעלן פון פאראויס צו זיין מער פארזיכערט, און אויב נישט, קומט מען אריבער און מען וועט פארקויפן אויפן פלאץ. מען האט מיך געבעטן מעורר צו זיין און בעטן אידישע קינדער וואס מען קען טון אין די הייליגע טעג: אריינצוגעבן נדבות, אויפצונעמען די פאנדרעיזערס וואס גייען ארום נאך געלט פאר פנים מאירות, און אליין אריינרופן ווייל מען וויל מנדב זיין.

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, ווי מער מסירות נפש און ווי מער איר וועט געבן צדקה פאר פנים מאירות העכער אייערע כוחות – גרויסע געלטער – אלס מער וועט דער אייבערשטער בעזרת השם מוסיף זיין און פארשרייבן פאר אייך פרנסה, געזונט, נחת און אלעס וואס איר בעט, נאך מער וויפיל עס קומט אייך, מדה כנגד מדה.

ווי מער מען שטרענגט זיך אן פאר אזא געוואלדיגע מצוה און מוסד וואס שפרייט אויס כבוד שמים און די דרך התורה מיט מסירות נפש, איז בלי שום ספק אז דער אייבערשטער וועט משפיע זיין "יוסף ה' עליכם ועל בניכם", מדה כנגד מדה, פיל מער ווי עס וואלט באמת פארשריבן געווארן. די זכותים הייבן זיך, און דער אייבערשטער צאלט מדה כנגד מדה, "והרקותי לכם ברכה עד בלי די", בעזרת השם ובסיעתא דשמיא.

## תשובה מתוך שמחה און די מעלה פון מוותר זיין פאר יעדן איד

אין ספר "בית אברהם" ברענגט ער א מעשה אז דער בעל שם טוב הקדוש האט אמאל געזאגט פאר א איד אז ער זעט אז זיין טאטע איז אין די עולמות העליונים אויף א זייער הויכע מדרגה. האט דער בעל שם טוב געפרעגט דעם זון צי ער ווייסט וואס זיין טאטע האט געטון בחיים חיותו אז ער האט זוכה געווען צו אזעלכע הויכע מדרגות אין עולם הבא.

האט דער זון געענטפערט אז זיין טאטע איז געווען א בעל תפילה, א שליח ציבור אין די ימים נוראים, **און ווען ער האט געזאגט דעם ווידוי פון "על חטא", האט ער עס געזונגען מיט א ניגון פון שמחה**. ער האט אריינגעברענגט א שמחה ווען מען האט זיך געקלאפט "על חטא".

די שמחה איז נישט געווען אויף די חטאים, נאר אויף דער זכיה וואס מיר האבן אז דער אייבערשטער האט אונז געגעבן אזא מצוה אז מיר קענען תשובה טון; דער אייבערשטער איז "לא ידח ממנו נדח", ער פארשטויסט קיינעם נישט, און מיר האבן א נייע געלעגנהייט צו פארגעסן פונעם עבר. דער אייבערשטער מעקט אויס דעם עבר, ער איז אונז מוחל, און מיר הייבן אן א נייע התחלה. דער טאטע האט געשיינט אויף יענע וועלט ווייל ער האט מזכה געווען אידישע קינדער צו טון תשובה און זאגן "על חטא" מתוך שמחה.

די זעלבע זאך פארציילט מען אויפן הייליגן רבי דוד פארקעס, אז ער האט אמאל געזען ווי דער זאסלאווער חזן זינגט דעם ווידוי, "אשמנו" און "על חטא", אינעם הייליגן טאג יום כיפור. האט רבי דוד פארקעס געזאגט: **"רבונו של עולם, ווען די אידן וואלטן נישט געזינדיגט, פון וואו וואלט מען גענומען אזא זיסע 'אשמנו'?"**

על כל פנים, דער עיקר וואס מיר ווילן ארויסברענגען איז אז עס זענען יעצט עשרת ימי תשובה; מען גרייט זיך תשובה צו טון אויפן הייליגן טאג, "כי ביום הזה יכפר עליכם לטהר אתכם מכל חטאתיכם לפני ה' תטהרו". מען דארף זיך גרייטן, אידישע קינדער, מתוך שמחה.

איר ווייסט וויאזוי מען זעט אויף א מענטש אויב ער גרייט זיך באמת מתוך שמחה? אויב ער איז נישט אנגעצויגן. עס זענען די הייליגע טעג, מען דארף צוגרייטן יום כיפור, סוכות, הושענא רבה, שמיני עצרת און שמחת תורה. הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, אלעס זאל זיין נאר מתוך שמחה. לאמיר אנפאנגען דאס יאר פרייליך, רואיג, מיט ישוב הדעת און הרחבת הדעת; זען גוט, טראכטן גוט, רעדן גוט און זיין גוט.

## מעביר זיין אויף די מדות – א גרינגע עצה אויף מחילת עוונות

דער נודע ביהודה ברענגט אין ספר "צל"ח" (דרוש כ"ג), אז אין די הייליגע עשרת ימי תשובה זאל יעדער מקבל זיין בלב שלם מקיים צו זיין די מצות עשה פון "ואהבת לרעך כמוך" – ליב צו האבן יעדן איד, אים סובל זיין, פארטראגן אידישע קינדער און

**דברות קודש מכ״ק מרן רבינו שליט״א**
**א לעכטיגן גוט מארגן ג האזינו ד תשרי תשפז**
**קול פנים מאירות 845-414-8211**

דן זיין יעדן לכף זכות. **דעמאלטס וועט ער זוכה זיין אז דער אייבערשטער וועט אים מוחל זיין אויף אלע זיינע חטאים, עוונות ופשעים, אן קיין סיגופים און אן תעניתים, ווייל ווען איינער איז מעביר על מדותיו, איז מען מעבירין לו כל פשעיו.**

הייליגע לעכטיגע קינדער, לאמיך אייך עפעס זאגן. איך זאג יעצט איבער א צל״ח, א נודע ביהודה, וואס בדרך הטבע איז כמעט אוממעגליך עס צו באוויזן. ווען מיר זענען נישט קיין מאמינים און מיר גלייבן נישט אז דער אייבערשטער האט אונז געגעבן די כוחות און מוחות, וואלט עס טאקע נישט מעגליך געווען.

אבער געדענקט, יעדער איד וויל מחילה, סליחה וכפרה. וויפיל וואלסטו געווען גרייט צו באצאלן ווען איינער זאגט דיר: ״געב מיר אזא סכום געלט און אלע דיינע עבירות זענען אפגעווישט״? געענדיגט, עס איז מער נישטא – נישט יעצט, נישט שפעטער, נישט אויף דער וועלט און נישט אויף יענער וועלט. יעדער מענטש וואלט אוועקגעגעבן אלעס וואס ער האט פאר דעם.

**עס איז דא אן עצה דערצו: זיי יעדן מוחל בלי יוצא מן הכלל! געדענק, יעדעם איינעם! צי עס זענען דיינע קינדער, דיינע מלמדים, דיינע מחנכים אדער דיינע חברים; צי עס איז דער וואס האט דיר געטון די הארבסטע זאך ברוחניות אדער בגשמיות; צי עס איז דער וואס האט דיך די מערסטע פארשעמט, אדער דיינע עלטערן וואס דו האלטסט אז זיי האבן דיך באעוולט. עס זאל זיין ווער עס זאל זיין! שריי ארויס: ״איך בין דיר מוחל, און איך בין יעדעם מוחל! איך האב אויף קיין שום איד קיין שום רוגזא!״ איך בין אלעס מקבל באהבה אז עס איז געווען פונעם אייבערשטן. עס זאל פאר יעדעם גוט זיין, קיינער זאל נישט ליידן צוליב מיר, און איך רעד נישט אויף קיינעם. און אויב איך האב יא גערעדט, בין איך מקבל מער נישט צו רעדן. איך רעד נאר גוטס אויף אידן, איך בין מלמד זכות און איך בין דן לכף זכות, אפילו עס איז שווער און עס רייסט פון מיר שטיקער.**

אפילו אויב עס איז א זאך וואס גייט נאך יעצט אן, זאלסטו אויך מוותר זיין, מוחל זיין און פארגעסן, און לעבן מיט אן אמת׳דיגע אהבה אפילו צו די אידן. מיט דעם האסטו אפגעווישט און אפגעמעקט אלע חטאים, עוונות ופשעים. דו ווייסט דאך אז דו האסט געזינדיגט און געטון גראבע עבירות, און דו ווייסט אז דו דארפסט דעם זכות. עס לוינט זיך! עס איז פיל גרינגער ווי יסורים אדער דורכצוגיין שרעקליכע מכות.

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, ווען דער אייבערשטער זאל יעצט עפענען דעם הימל און דו וואלסט ארויפגעקוקט און געזען וואס דו פארדינסט פון די אלע יסורים וואס דו האסט – פון אינעווייניג און פון דרויסן, פון נאנט און פון ווייט – וואלסטו זיך געבעטן פאר נאך אביסל. נאר וואס דען? אונזערע אויגן זענען פארשטעלט, מיר האבן נסיונות און אן אויג-פארבלענדעניש. לאמיר זיך נישט לאזן פונעם יצר הרע.

הייליגער באשעפער, עס איז שווער, איך בין א בשר ודם און דער יצר הרע פארלייגט זיך, אבער איך שטארק מיך! איך האב אויף קיינעם נישט קיין טענות, קיין תרעומות און קיין פאריבל; איך בין יעדעם מוחל. איך בין יעדעם דן לכף זכות, און איך בעט דיר אז קיינער זאל נישט געשטראפט ווערן צוליב מיר. איך וויל נישט אז אויף קיינעם זאל זיין קיין שלעכטס דורך מיר אדער דורך גארנישט. עס זאל נאר גוט זיין פאר אלע דיינע אידישע קינדערלעך.

איך גלייב מיט א פולן גלויבן אז אלעס וואס פאסירט מיט מיר איז השגחה פרטית פון דיר, אייבערשטער, און נישט פון א בשר ודם; עס זעט נאר אויס כאילו עס קומט פון א מענטש. איך דארף גארנישט, איך האב אלעס וואס איך דארף, ווייל איך מאך די ברכה מיט שם ומלכות ״שעשה לי כל צרכי״. הייליגער באשעפער, העלף אז אלע אידן זאלן מיר מוחל זיין, און בזכות דעם מעק אויס אלע מיינע חטאים, עוונות ופשעים. אן תעניתים און אן סיגופים ווערט עס אנגענומען. איר הערט, הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער? עס לוינט זיך, עס לוינט זיך טאקע!

דער הייליגער חידושי הרי״ם זאגט: די גמרא ברענגט אין מסכת ברכות (דף ה׳), אז א מענטש זאל שטענדיג פעדערן דעם יצר הטוב איבער דעם יצר הרע; דער יצר הטוב זאל זיין דער וואס געוועלטיגט איפן מענטש. אויב ער האט אים מנצח געווען - איז גוט, אבער אויב נישט, זאל ער לערנען תורה. אויב דאס העלפט נישט, זאל ער ליינען קריאת שמע, און אויב דאס העלפט אויך נישט, זאל ער דערמאנען דעם יום המיתה. קומט דאך אויס אז אזוי ווי דערמאנען דעם יום המיתה העלפט זיכער, וואלט מען דאך געקענט גראד אנפאנגען מיט יום המיתה?

**די תשובה אויף דעם איז, זאגט דער חידושי הרי״ם, אז דער וועג פון תשובה טון דארף זיין מיט שמחה.** ממילא דארף מען אנפאנגען מיט תורה און מיט קריאת שמע וואס דאס ברענגט שמחה - קבלת עול מלכות שמים און קבלת עול התורה והמצוות, כביכול ״פקודי ה׳ ישרים משמחי לב״. נאר אויב מען

האט ממש נישט קיין ברירה, און גארנישט העלפט נישט, דעמאלטס נוצט מען דעם יום המיתה. אבער דאס איז נישט די לכתחילה'דיגע וועג וויאזוי דער אייבערשטער וויל מיר זאלן תשובה טון; תשובה טון דארף מען מיט א שמחה.

שמחה איז נאר דעמאלטס ווען דו האסט נישט קיין פאריבל אויף קיין שום מענטש - אויף קיינעם ממש. נישט אויף דיין מאן, נישט אויף דיין ווייב, נישט אויף דיינע עלטערן, נישט אויף דיינע קינדער, נישט אויף דיינע שנירן, נישט אויף דיינע איידעמען, נישט אויף דיינע טעכטער, נישט אויף דיינע זון, און נישט אויף דיינע ברידער און שוועסטער.

מיר ווייסן אז עס זענען דא אסאך טענות, און זאכן וואלטן באמת געדארפט זיין אנדערש. עס קען זיין אז מען פארשעמט דיך, מען באגראבט דיך, מען לייגט דיך אריין אין בושות, מען צומאלט דיך און מען מאכט דיך שאדנס. אלעס וואס דו זאגסט יעצט, אלעס וואס דו ווילסט מיר זאגן - איך ווייס דערפון. אבער גלייב מיר, דאס איז אלעס אן אויג-פארבלענדעניש. קיינער טוט גארנישט, קיינער קען גארנישט טון און קיינער וויל גארנישט טון, עס איז נישטא קיין שום ביכולת ביי קיינעם, נאר אלעס איז מיט א השגחה פרטית פונעם אייבערשטן. דיין נסיון איז נישט איינצוטיילן פארן אייבערשטן וואס, ווען און ווי; דיין נסיון איז מוחל צו זיין, סובל צו זיין, ליב צו האבן, מוותר צו זיין, דן זיין לכף זכות, און טאקע בעטן פאר די אלע אידן אז עס זאל זיי גיין גוט. אוי, דאס איז א שווערע עבודה! אבער טאקע דערפאר איז דער שכר אזוי גרויס, אז אלע חטאים, עונות ופשעים ווערן אפגעמעקט ביזן סוף.

### א מעשה מסירות נפש פאר תורה און השגחה פרטית מיט א קאוטש

הייליגע לעכטיגע קינדער, א איד האט פארציילט א הפלא'דיגע מעשה: זיין בני בית איז איין טאג געקומען צו אים און געזאגט אז זיי לעבן ממש "אויפן דאלער" - פונקט אויפן פעני, עס איז נישטא קיין איבריגע דאלער אין שטוב. זי איז גרייט צו טון א זייטיגע ארבעט, כדי עס זאל זיין אביסל איבריגע געלט אין שטוב. ער האט מסכים געווען, אבער מיט איין תנאי: אז די געלט וועט מען נישט נוצן פאר די פשוטע הוצאות הבית, נאר פאר עפעס וואס זי וויל קויפן פאר זיך אדער פארן שטוב וואס וועט איר ברענגען א ספעציעלע הנאה.

זי האט מסכים געווען, ווייל עס זענען דא אסאך זאכן וואס א פרוי דארף האבן אין שטוב אבער עס איז נישטא קיין געלט דערפאר. זי האט ביי זיך געטראכט אז מיט די ערשטע געלט וועט זי קויפן א נייע קאוטש, ווייל זיי האבן נישט קיין נארמאלע קאוטש; די אלטע סאפע איז שוין ממש צעריסן און צאמגעבראכן.

מעשה שהיה, זי האט צוזאמגעשטעלט דאס געלט ביז עס איז שוין געווען גענוג צו קענען גיין קויפן. די פרוי איז געווען זייער בשמחה; מען האט געארבעט, מען האט פארדינט, און יעצט גייט מען שוין ענדליך האבן דעם קאוטש אויף וואס מען חלומ'ט שוין אזא לאנגע צייט.

איין טאג איז זי געגאנגען מיט איר מאן אין געשעפט, און זיי זענען אויך אריין אין א ספרים געשעפט עפעס קויפן. די פרוי האט געזען ווי איר מאן שטייט פארטראכט ביי א געוויסן ספר. זי פרעגט אים: "וואס איז דאס פאר א ספר?" זאגט ער: "דאס איז א שולחן ערוך," און ער האט איר מסביר געווען וואס דאס איז. ער האט עס נישט געהאט אינדערהיים, און יעצט אין געשעפט האט ער זיך מעמיק געווען דערין ווייל ווען ער האט צייט קוקט ער אריין דערין. די פרוי האט אים אויסגעפרעגט ווי וויכטיג עס איז אז א אידישע שטוב זאל האבן א שולחן ערוך, און זיי האבן עס דורכגעשמועסט.

דעם נעקסטן טאג איז די פרוי געגאנגען, גענומען די גאנצע געלט און געזאגט פארן מאן: "איך בין מוותר אויפן קאוטש, גיי קויף דיר א שולחן ערוך; תורה איז פאר אלעם." ער האט געזאגט: "ניין, מיר האבן דאך אפגעמאכט אז דאס געלט גייט פאר דיר, דו האסט געארבעט דערפאר, פאר דיין קאוטש." האט זי געזאגט: "בשום אופן נישט! תורה איז פאר אלעם - אהבת התורה, מסירות נפש פאר תורה." און זיי זענען געגאנגען קויפן דעם שולחן ערוך.

די פרוי איז געווען זייער בשמחה מיט איר געוואלדיגע התגברות. זי האט פארציילט די מעשה פאר א חבר'טע, זיך פשוט משמח צו זיין מיט איר שריט.

די חבר'טע זאגט איר אז זי האט געזען אויף איינע פון די צעטלאך וואס מען הענגט ארום, אז עס איז דא צו באקומען א קאוטש - א זייער גוטער קאוטש - און זי זאל אהין רופן.

די פרוי האט געטראכט: "איינער וואס שרייבט שוין אז ער פארקויפט א קאוטש, איז עס זיכער שוין נישט ווי נייע, עס איז מסתמא נישט דאס וואס איך זוך," אבער זי האט געטראכט: "וואס קען איך דערלייגן?" זי האט אריינגערופן און

**דברות קודש מכ״ק מרן רבינו שליט״א**
**א לעכטיגן גוט מארגן ג האזינו ד תשרי תשפז**
**קול פנים מאירות 845-414-8211**

אויסגעפרעגט וואסערע מין קאוטש עס איז. עס האט זיך ארויסגעשטעלט אז עס איז ממש ״אויפן האר״ דאס וואס זי האט געוואלט קויפן! יענער האט עס קוים גענוצט א האלב יאר, ער האט געקויפט א נייע, פיל שענער און אן אנדערע מין, און ער האט דאס מער נישט געדארפט. ער האט עס געוואלט פארקויפן פאר בלויז צוויי הונדערט דאלאר - א קאוטש וואס קאסט געווענליך צוועלף הונדערט ביז פופצן הונדערט דאלאר אדער מער.

די פרוי מיט איר מאן זענען אריבערגעגאנגען, און זיי האבן געזען ממש דעם חלום פון די פרוי, פונקטליך דעם קאוטש.

די בעל הבית׳טע דארט האט געפרעגט די פרוי: ״זאג מיר, וויאזוי האסטו משכנע געווען מיין מאן עס דיר צו פארקויפן?״ זי ענטפערט: ״וואס מיינסטו? איך האב גערופן דעם נומער וואס איז געווען מפורסם.״ זאגט די בעל הבית׳טע: ״איך וייס נישט, אזויפיל מענטשן האבן אריינגערופן און פאר יעדן איינעם האט ער געזאגט ניין. איך האב אים געפרעגט פארוואס ער וויל נישט פארקויפן, האט ער געזאגט אז זיי זעען נישט אויס ווי זיי ווילן ערנסט. אבער ווען דו האסט גערופן האט ער גראד געזאגט: ׳אה, זיי מיינען עס ערנסט, פאר זיי וויל איך עס פארקויפן.׳״ זי האט געוואלט פארשטיין וויאזוי זי האט אים משכנע געווען. האט די פרוי געזאגט: ״איך האב גארנישט געזאגט פאר דיין מאן אנדערש ווי אנדערע; דער אייבערשטער האט אים געזאגט! איך האב זיך אוועקגעגעבן פאר תורה, איך האב זיך אוועקגעגעבן פאר מיין מאן, האט דער אייבערשטער באצאלט.״

און מ׳האט געקויפט א שולחן ערוך און מ׳האט געקויפט דעם קאוטש; דאס איז געווען די געלט וואס מ׳האט געדארפט, וואס מ׳האט געהאט אוועקגעלייגט פון די איבעריגע ארבעט. מ׳האט גארנישט געדארפט צוצאלן עקסטער. די געלט וואס מ׳האט געהאט אוועקגעלייגט, איז פונקט געווען די סכום פארן שולחן ערוך מיט׳ן קאוטש אינאיינעם.

**הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, וואס זעען מיר דא? יעדע מסירות נפש וואס א איד האט, באצאלט דער אייבערשטער תיכף ומיד. לאמיר זיך מוסר נפש זיין אויף פנים מאירות, אויף אמונה, שלום, בטחון און שמחה, אויף ״אני שמח בחלקי״, און אויף דעם וואס מיר האבן געשמועסט ביים אנהייב פון די היינטיגע ״גוט מארגן״: נישט תובע זיין פון מענטשן מיט מסירות נפש, נאר פונעם הייליגן באשעפער. מיר לעבן בהשגחה פרטית, הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער.**

## ברכות ואיחולים פאר א גמר חתימה טובה און א לעכטיג יאר

די היינטיגע שיעור איז די ערשטע פון שנת תשפ״ז, און עס האט זיך טאקע פארצויגן דאפלט די צייט. די סיבה דערפאר איז, ווייל די ערשטע האלב שיעור איז געווען געווידמעט אוועקצולייגן א קבלה טובה אויף די גאנצע יאר.

אבער הייליגע לעכטיגע קינדער, מ׳קען עס אויסהערן אין עטליכע חלקים; מ׳דארף עס איבערחזר׳ן און נאכאמאל איבערהערן.

דער עיקר איז עס זאל זיך ציען, עס זאל זיין אן המשכה פון א גמר חתימה טובה. א גוטע גמר חתימה טובה און א גוט געבענטשט יאר! אידישע קינדער זאלן האבן אויסגעבעטן זיווגים הגונים, זרע של קיימא, ערליכע קינדער און לעכטיגע דורות. ״והשיב לב אבות על בנים ולב בנים על אבותם״, עס זאל שוין זיין שלום על ישראל, פרנסה ברווח, עושר ואושר, און צינורות פון השפעות. אלע גזירות רעות זאלן בטל ווערן, די אנטיסעמיטיזם זאל בטל ווערן, און עס זאל נתבער ווערן די רע; די כח פון די שטודירטע גויים זאל נתבער ווערן מן העולם. אלע טומאות, קליפות, יצר הרע׳ס און השפעות פון מינים ואפיקורסים זאלן נתבער ווערן, אויסגערייניגט און פארברענט ווערן ״כעשן תכלה״ – ווי א רויך זאל עס אויסגיין און פארברענט ווערן, כדי עס זאל זיין ״למען דעת כל עמי הארץ כי ה׳ הוא האלקים אין עוד״.

מיר זאלן נאר לעבן מיט׳ן אייבערשטן, נאר מיט די תורה, נאר מיט שמחה, מיט אהבת הבורא, אהבת התורה און אהבת ישראל. מיר זאלן פועל׳ן אלעס גוטס, כל מיני ישועות און א לעכטיגן תמיד, אמן כן יהי רצון.

## די נאנטקייט פונעם אייבערשטן אין די הייליגע טעג

א גוט מארגן, מיטוואך, עשרת ימי תשובה, הייליגער חודש תשרי תשפ״ז. א פרייליכן, לעכטיגן און געבענטשטן גוט מארגן; א פרייליכן, לעכטיגן און געבענטשטן טאג; א פרייליכן, לעכטיגן און געבענטשטן יאר; און א פרייליכן, לעכטיגן און געבענטשטן תמיד. הייליגע, פרייליכע, ליכטיגע, לוסטיגע, גליקליכע און דערהויבענע אידישע קינדער!

הייליג און לויטער זענען מיר, און בפרט אין די הייליגע טעג, די ימים נוראים, די ימי הרחמים והרצון. מיר זענען דאך אזוי נאנט צום אייבערשטן, כביכול ״דרשו ה׳ בהמצאו קראוהו בהיותו קרוב״. דער אייבערשטער איז נאנט צו אונז, און מיר זענען נאנט צום אייבערשטן. יעצט זענען די טעג ווען אידישע קינדער ווייזן ארויס זייער געטריישאפט און ליבשאפט צום אייבערשטן, און דער אייבערשטער ווייזט כנגד זה – זה לעומת זה, מדה כנגד מדה – זיין ליבשאפט צו זיינע הייליגע, געטרייע און לעכטיגע אידישע קינדער. הייליגע, לעכטיגע אידישע קינדער.

## אונזער עקידה: מקריב זיין אונזערע רצונות פארן באשעפער

אין די הייליגע טעג דערמאנט מען די עקידה נאכאמאל און נאכאמאל. ביי די סליחות, איין פזמון נאכן צווייטן; ביי די יוצרות; און יום כיפור גייט מען דאס ארויפברענגען נאכאמאל און נאכאמאל.

לאמיר אריינטראכטן: וואס איז געווען ביי די עקידה? ביי די עקידה האט דער הייליגער באשעפער געהייסן אברהם אבינו נעמען זיין זון, וואס בעצם איז ער געווען ביי אברהם אבינו א בן יחיד, וויבאלד דאס איז געווען זיין איינציגסטע קינד מיט וועמען אברהם אבינו האט געקענט אויפשטעלן כלל ישראל. דער יסוד פון כלל ישראל איז געהאנגען אין יצחק אבינו, און דער הייליגער באשעפער זאגט פאר אברהם אבינו אים צו לייגן אויפן מזבח און אים שחטי'ן. יצחק אבינו האט געוואוסט אז די איינציגסטע וועג זיין טאטע זאל איבערלאזן דורות, די אייניציגסטע וועג וויאזוי עס זאל בלייבן א כלל ישראל פאר וועמען מען זאל געבן די תורה, איז נאר אויב ער וועט לעבן און האבן קינדער. ביידע האבן דאס געוואוסט.

אבער אז דער אייבערשטער זאגט ״גיי ארויף אויפן מזבח און שעכט יצחק״, זענען זיי ביידע געווען גרייט מיט מסירות נפש אוועקצוגעבן זייערע רצונות, זייערע כוונות, זייערע האפענונגען און זייערע געפילן; אלעס האט מען אוועקגעגעבן פארן רצון השם, ווייל דער אייבערשטער וויל מען זאל שעכטן יצחק אויפן מזבח. זיי האבן אלעס אין דער וועלט פארקוקט, און דאס ברענגען מיר ארויף פארן הייליגן באשעפער כסדר אין די הייליגע טעג – א גאנץ יאר, אבער אין די הייליגע טעג איינס נאכן אנדערן. ווען איר קוקט אריין אין די טייטש פון די סליחות, די יוצרות און די פזמונים, ברענגט מען נאכאמאל און נאכאמאל ארויף די עקידה.

**הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער! לאמיר יעצט מאכן אן החלטה, יעצט ווען מיר הערן דעם שיעור: מיר גייען אלע מאכן די עקידה. וואס האבן מיר פון דערמאנען די עקידה, אויב מיר אליין זענען נישט גרייט אויף אן עקידה? מיר גייען אויך מאכן אן עקידה, אבער מיר גייען נישט שעכטן אונזערע קינדער, ווייל דאס איז אן איסור מן התורה און מען טאר עס נישט טון; נאר אברהם אבינו האט עס געמעגט וועלן טון ווייל דער אייבערשטער האט אים געהייסן.**

## די אייגענע עקידה פון יעדן איד

מיר האבן אבער אנדערע עקידות. מיר קענען אוועקגעבן אונזערע תאוות, אונזערע רצונות און אונזערע פאדערונגען; אלעס פון אונזער וועלט אוועקגעבן פארן הייליגן באשעפער.

**דער אייבערשטער וויל מיר זאלן זיין בשמחה, און מיר זאלן גלייבן אין אים און נישט אין ״כחי ועוצם ידי״. דער אייבערשטער וויל מיר זאלן מקריב זיין אויפן מזבח אונזער ״איך וויל״, אונזער ״איך וואלט געוואלט״, אונזערע פלענער, אונזערע געפילן און אונזערע האפענונגען.**

אלעס וואס מיר טראכטן אז עס וואלט געווען גוט פאר אונז און א גרויסע טובה, אלעס וואס מיר זענען אזוי צוגעבונדן דערצו און קוקן דערויף ארויס – אלעס, זאגט דער אייבערשטער, קענסטו יעצט מאכן פאר אן עקידה. געב עס אוועק פארן אייבערשטן!

״איך האב נישט קיין רצונות; איך האב געוואלט אזא זאך, איך האב געוואלט אזוי און אזוי, איך וואלט ווען געוואלט אדער געקענט, עס וואלט ווען געווען...״ – סיי ברוחניות און סיי בגשמיות, בין אדם למקום ובין אדם לחבירו.

**הייליגער באשעפער, איך זאג נישט נאר די עקידה ווי אן אלטע מעשה וואס אברהם אבינו האט געטון מיט טויזנטער יארן צוריק, נאר איך זאג די עקידה און איך ״טו״ די עקידה.**

אלעס וואס דער אייבערשטער וויל פאר מיר, טוט מיט מיר און דורך מיר. אלעס ארום מיר בין איך מקבל באהבה ובשמחה.

איך לעב נישט אין יאוש, איך לעב נישט אין עצבות, איך לעב נישט אין מרה שחורה, איך בין נישט דעפרעסט און איך האב נישט קיין טענות; איך בין א פרייליכער, לעכטיגער איד.

איי וואס איז מיט אלע מיינע פלענער און רצונות? וואס איז מיט אלע טענות וואס איך האב אויף דעם און אויף יענעם, אויף מענטשן און אויף מצבים? וואס איז מיט די אלע שוועריגקייטן וואס איך גיי אדורך ברוחניות ובגשמיות, בנפש רוח נשמה חיה יחידה? **דאס אלעס איז אן עקידה**.

אברהם אבינו איז געווען גרייט אוועקצוגעבן אלע פלענער פון זיין לעבן פארן אייבערשטן דורך שעכטן יצחק אויפן מזבח! מיר האבן א מזבח וואו מיר לייגן ארויף אלע אונזערע רצונות, אונזער ווילן און אונזערע געפילן. ״איך וואלט געוואלט עס זאל מיר זיין גרינגער״, ״איך וואלט נישט געוואלט עס זאל מיר ווי טון״ – אלעס געבן מיר אוועק: רבונו של עולם, דאס איז דיין רצון! מיר האבן מער נישט קיין אייגענע רצונות, ״בטל רצונך מפני רצונו״.

מיר האבן איין רצון, אויף וועלכעם מיר גייען מיט מסירות נפש: ״ואתם הדבקים בה׳ אלקיכם חיים כלכם היום״, ״בכל דרכיך דעהו״. מיר זענען נאר באשעפטיגט מיט לעשות נחת רוח להבורא יתברך שמו. הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, זייט דאס מקבל אויף זיך על כל ימי חייכם.

יעצט וועסטו אנדערש זאגן די עקידה; יעצט קומסטו צום אייבערשטן מיט אן אנדערע געפיל ווען דו רעדסט פון די עקידה.

**און צו דעם ווען מיר צולייגן, אז עס איז געענדיגט מיט דעם ווארט ״זויער״. מיר האבן אריגינעלע חלות, געווייקטע ירקות, געווייקטע פירות, געווייקטע פלייש און געווייקטע פיש. מיר האבן נישט קיין זויערס; מיר זענען פרייליך מיט א פנים מאירות. אונזער פנים לאכט און שיינט פון גליקליכקייט, שמחה, דערהויבנקייט, הייליגקייט און לויטערקייט.**

## די מעשה וואס האט פארציילט דער צאנזער רב

עס איז אמאל געווען צווישן ראש השנה און יום כיפור, אזוי ווי מיר האלטן יעצט אין די עשרת ימי תשובה, האט דער הייליגער צאנזער רב בקדושתו ובטהרתו געזאגט אזוי: אין די פריערדיגע יארן זענען געווען צדיקים וואס האבן געוואוסט און געזען אלעס וואס טוט זיך אפ אין הימל און אלעס וואס וועט זיין א גאנץ יאר. קענען מיר דען זאגן אז מיר ווייסן נישט? מיר ווייסן אויך, מיר זעען אויך; מיר וואלטן אבער געווען גליקליך ווען מיר זאלן נישט אזויפיל ווייסן. אזוי האט געזאגט דער הייליגער צאנזער רב. ״יוסיף דעת יוסיף מכאוב״, זאגט שלמה המלך אין קהלת.

## די מעשה פון ר׳ דוד און די חשבונות

דער הייליגער צאנזער רב האט ווייטער דערציילט: ס׳איז געווען א צדיק וואס האט געהייסן ר׳ דוד. ער איז געווען א גרויסער תלמיד חכם, און ער פלעגט זיצן א גאנצן טאג און א גאנצע נאכט און דינען דעם אייבערשטן מיט תורה און עבודה.

ער איז אויך געווען א גרויסער עושר; ער האט פארמאגט אסאך געשעפטן און געהאט א קאנצעלאריע, אן אפיס, אבער ער אליין האט זיך בכלל נישט אפגעגעבן מיט זיינע געשעפטן. ער האט געהאט ארבעטער וואס האבן אלעס געטון פאר אים. ער פלעגט בכלל נישט ארויסגיין אינדרויסן, ער איז אפילו נישט געגאנגען אויף די גאס. ער איז געווען אזא גרויסער עושר, אז ער האט זיך געבויט ביי זיך אין שטוב א בית המדרש און א מקוה, כדי ער זאל קיינמאל נישט דארפן ארויסגיין אויף די גאס. די געשעפטן האט ער נישט געפירט אליין, ער האט דאך געהאט משרתים ויוצאי משרתים.

איינמאל האט ער געהאט א גרויסן שאדן אין זיינע געשעפטן. די משרתים און די באדינער האבן געזען אז דער מצב איז נישט גוט, האבן זיי גענומען אלע ביכער און עס אריינגעשיקט צו אים אין זיין פריוואטן צימער, ער זאל זען וואו ער האלט אויף דער וועלט. אזוי ווי ער האט בודק געווען די אלע חשבונות, איז ער געשטאנען פארוואונדערט. ער איז געווען ממש דערשראקן: וואס טוט מען? עס זעט אויס ווי ער האט באנקראטירט. ער איז געווען ממש מבולבל און אינגאנצן צומישט פאר אכט טעג; ער האט זיך ממש נישט געקענט צוזאמנעמען אין די דאזיגע אכט טעג.

נאך די אכט טעג האט ער זיך מיישב געווען אז ער גייט ארויסגיין אויף די גאס, ווייל ער וויל הערן וואס דער עולם רעדט איבער זיינע געשעפטן. ער איז ארויסגעגאנגען אינדרויסן, און ער האט געהערט ווי איינער זאגט פאר זיין חבר: ״אהה, עס מוז זיין אז עס איז דא נייעס ביי דעם ר׳ דוד; ער איז ארויסגעגאנגען אויף די גאס, ער גייט דאך קיינמאל נישט ארויס.״ אזוי ווי ער האט געהערט די ווערטער, איז ער צוריק אהיימגעגאנגען, אבער ער

האט נאך אלץ נישט געהאט קיין מנוחה און ער איז נישט געווען רואיג.

האט ער באשלאסן אז ערב שבת וועט ער גיין אין די שטאטישע באד, אין שוויץ, און דארט וועט ער הערן וואס מען רעדט וועגן זיינע געשעפטן. ער איז געגאנגען אין די שטאטישע מקוה, אין שוויץ, אין באד. ער זעט דארט צוויי מלמדים שמועסן, און ער הערט זיך אונטער ווי איין מלמד זאגט פארן צווייטן: ״דו זעסט דעם ר׳ דוד? וויפיל האר ער האט אויפן קאפ, סאך מער טויזנטערס איז ער שולדיג פאר מענטשן. אונז איז סאך בעסער ווי אים; מיר האבן נישט די אלע גרויסע חובות וואס ר׳ דוד האט, מיר שטייען אין א בעסערן מצב ווי אים.״ אזוי האט איין מלמד געזאגט פארן צווייטן.

האט אים דער צווייטער מלמד געענטפערט: ״טיפש וואס דו ביסט! אפילו ער איז א גרויסער בעל חוב, נאך די מקוה וועט ער אהיימגיין, ער וועט עסן גוטע באבעלע (געבעקס), און ער וועט טרינקען דריי קווארטלעך פון א גוטן מעד. זיי נישט קיין נאר; א מלמד בלייבט א מלמד, און א בעל הבית בלייבט א בעל הבית.״ דאס מיינט צו זאגן: א מלמד בלייבט אן ארימאן, און א בעל הבית בלייבט אן עושר. אזוי האט ער געהערט ווי די צוויי מלמדים שמועסן.

אזוי ווי ר׳ דוד האט דאס געהערט, האט ער זיך ממש מחיה געווען און ער איז געווארן בשמחה. ער איז אהיימגעגאנגען, געגעסן גוטע באבעלע, געטרונקען דריי קווארטלעך האניג-וויין (מעד), און עס האט אים גארנישט געפעלט אינדערהיים. א גאנץ שבת איז ער געווען מורא׳דיג בשמחה.

נאך שבת האט ער געזאגט פאר זיין רעבעצין: ״ברענג מיר די ביכער פון די חשבונות, לאמיר עס איבעררעכענען. לאמיר זען, אפשר איז דא א האפענונג; דער אייבערשטער האט געהאלפן, דער אייבערשטער איז דאך א כל יכול.״ ער האט נאכאמאל געקוקט אין די ביכער און ער האט געזען אז ניין, עס איז נישט גוט.

האט ער גענומען אלע ביכער און געזאגט פאר זיין רעבעצין: ״הער מיך אויס, וואס פעלט אויס צו קוקן אויף די חשבונות?!״ ער האט עס צעריסן אויף שטיקער, די אלע ביכער, און ער האט געזאגט: ״בעל הבית בלייבט בעל הבית!״ און מיט דעם איז ער ווייטערגעגאנגען. אזוי האט דערציילט דער הייליגער צאנזער רב.

און ווען דער הייליגער צאנזער רב האט דערציילט די מעשה, האט ער געמאכט מיט די האנט אזוי ווי איינער וואס צורייסט פאפירן.

ווער עס האט געהערט דעמאלטס ווען דער צאנזער רב האט דאס דערציילט, האט פארשטאנען וויאזוי דער הייליגער צאנזער רב צורייסט אלע גזירות רעות פון אידישע קינדער. דער הייליגער באשעפער זאל העלפן, זכותו יגן עלינו, און אלע גזירות רעות זאלן צוריסן ווערן. קרע, רוע גזר, דיננו, און דער הייליגער באשעפער זאל העלפן אז עס זאל נאר זיין א גמר חתימה טובה און א גוט געבענטשט יאר פאר אלע אידן.

## בני מלכים בלייבן בני מלכים

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, מיר זענען קעניגליכע קינדער, מיר זענען בני מלכים, מיר זענען נישט קיין פשוט׳ע מענטשן. מיר דארפן זיך אויך דורכטראכטן: בעל הבית בלייבט בעל הבית, **א בן מלך בלייבט א בן מלך, און א הייליג קינד בלייבט א הייליג קינד.**

הייליגער באשעפער, מיר האבן טאקע געזינדיגט, מיר האבן טאקע געטון וואס עס איז נישט ריכטיג, מיר האבן געמאכט אסאך פעלערס און אסאך פוגם געווען נעבעך – מיט די אויגן, מיט די מויל, און מיט אסאך אברים פון אונזער גוף האבן מיר געטון זאכן וואס זענען נישט אויסגעהאלטן. מיר האבן זיך פארגרעבט, מיר האבן זיך פארטעועת׳ט, מיר האבן גערעדט לשון הרע, מיר האבן געפירט מחלוקת און פירוד לבבות, און מיר האבן נישט מקיים געווען כיבוד אב ואם מיט אלע הידורים אזוי ווי עס דארף צו זיין.

אבער בעל הבית בלייבט בעל הבית! **א קינד בלייבט א קינד, און א בן מלך בלייבט א בן מלך**. מיר האבן נאך אלץ די פראטעקציע, מיר האבן נאך אלץ די עשירות פון ״מי כעמך כישראל גוי אחד בארץ״. מיר שטייען נאך אלץ אין די תפילין פונעם אייבערשטן, און מיט דעם זענען מיר זיך מחזק און מיר פאלן נישט אוועק.

מיר בלייבן קעניגליכע קינדער, מיר בלייבן עשירים – עשירים מיט די תורה, עשירים מיט ״שלא עשני גוי״, עשירים מיט אונזער אמונה, שלום, בטחון און שמחה, עשירים מיט אונזערע פנים מאירות, און עשירות מיט אונזער דביקות הבורא.

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, ווען מען הערט די מעשה ווערט מען בשמחה און מען ווערט געשטארקט. מיר האבן פאר

גארנישט קיין פחד. אוודאי דארף מען תשובה טון, אוודאי דארף מען מאכן קבלות טובות און מאכן תיקונים, אבער מיר בלייבן קעניגליכע קינדער. מיר בלייבן אין די עשירות פון השפעות טובות און פון אך טוב וחסד, וואס דער הייליגער באשעפער מתוך רחמיו וחסדיו המרובים איז אונז משפיע און וועט אונז ווייטער משפיע זיין. **עס איז געווען גוט, עס איז גוט, און עס וועט זיין גוט!**

## די השגחה פרטית אין ארגענטינע: הכרת הטוב פון אן אראבישן שופט

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, איך האב פאר אייך א מורא'דיגע מעשה, א מורא'דיגע מעשה. ס'האט פארציילט א איד וואס הייסט ר' יוחנן בריזל, ער איז געווען א שטיק צייט אין ארגענטינע. ער האט דארט געטראפן איינעם פון די עסקנים פון די ארגענטינער אידן, און יענער האט אים געבעטן א טובה. ס'איז דא א תפיסה, און דארט אין די תפיסה זיצט א היימישער איד פון אמעריקע. וואס איז געשען? ער האט געהאט צו טון מיט די שטייערן, מיט די איי-אר-עס (IRS) דארט אין אמעריקע, און ער איז אנטלאפן קיין ארגענטינע. די אמעריקאנער האבן געכאפט וואו ער איז אנטלאפן, און זיי האבן געבעטן ביי די רעגירונג פון ארגענטינע אז מען זאל אים אריינלייגן אין תפיסה. עס ווארט אויף אים א משפט צי ער זאל בלייבן אין תפיסה אין ארגענטינע, אדער מען זאל אים צוריקשיקן קיין אמעריקע. ארגענטינע איז איינע פון די מדינות וואס קאאפערירן מיט אמעריקע.

זאגט דער ארגענטינער עסקן פאר דעם ר' יוחנן בריזל: "דער איד זיצט אין תפיסה אליינס, ער רעדט אדער אידיש אדער ענגליש. דארט אין ארגענטינע קען דער עולם ספרדיש אדער ספאניש, אבער זיי קענען נישט אזוי גוט קיין אידיש און נישט קיין ענגליש. ס'איז נישטא ווער עס זאל אים גיין באזוכן. דו רעדסט דאך א גוטן אידיש, גיי אריבער, זיי מחזק דעם איד, געב אים אריין אביסל שמחה און אביסל חיזוק."

ער איז געגאנגען אין תפיסה, מען איז דורכגעגאנגען אלע בדיקות, און מען האט אים געלאזט זיך טרעפן מיט דעם איד. ער האט געשמועסט מיט דעם איד און אים געמאכט פריילך; דער איד האט אנגעהויבן שמייכלען, מען האט אים מחזק געווען. נאכן ענדיגן דעם באזוך, האט דער איד וואס איז געזעסן אין תפיסה אים ארויסבאגלייט ביז וואו מען האט געמעגט, און מיט דעם האט זיך געענדיגט דער וויזיט.

א פאר טעג שפעטער, ווען ר' יוחנן בריזל איז נאך געווען אין ארגענטינע, קומט צו אים דער עסקן און זאגט אים: "דו האסט זייער גוט געטון, דער איד האט מורא'דיג הנאה געהאט. ס'איז א מצוה, ווילאנג דו ביסט דא, מאך זיכער אז דו גייסט כסדר. קיינער גייט אים נישט באזוכן, מען דארף אים מחזק זיין, משמח זיין, זאגן גוטע ווערטער, ער זאל זען א היימישן ברודער מיט זיך."

אזוי איז עס טאקע געווען, כסדר איז ר' יוחנן בריזל געגאנגען באזוכן דעם איד.

איינמאל, בשעת דער עסקן פון ארגענטינע האט אזוי גערעדט צו ר' יוחנן בריזל, האט ער אים פארציילט א הפלא'דיגע מעשה. ער פארציילט אים אזוי: "דער איד זיצט דא, ווייל די פעדעראלע אמעריקאנער תפיסות האבן געהייסן אים איינשפארן; נישט די פריוואטע שטאטן, א סטעיט, נאר די פעדעראלע תפיסה. קומט אויס אז די פעדעראלע תפיסה אין ארגענטינע דארף האנדלען מיט די פעדעראלע תפיסה פון אמעריקע. און ווי עס איז באקאנט, אז ביי די שטאטישע תפיסות, די שופטים און די ערכאות פון יעדע שטאט, איז גרינגער צו האנדלען, מאכן פראטעקציע און האבן א שייכות, ווי ביי די פעדעראלע שופטים. ממילא איז דא א זייער שווערער מצב, ווייל עס איז פעדעראלע ארגענטינע מיט א פעדעראלע אמעריקע.

אבער הער א מעשה: דער שופט אויף דעם איד דא אין ארגענטינע איז אן אראבער וואס איז געבוירן אין לבנון. יונגערהייט איז ער אנגעקומען קיין ארגענטינע, ער איז געווארן דארט א בירגער, ער האט זיך איינגעגלידערט אין ארגענטינע און איז געווארן א חלק פון די קולטור, ביז ער איז געווארן א שופט.

קודם האט מען זיך זייער דערשראקן אז אן אראבער גייט זיין דא דער שופט, אבער עס איז ממש א מתנה פונעם אייבערשטן. וואס מען בעט פון דעם אראבער פאר דעם איד, אויב ער קען עס טון געזעצליך, טוט ער עס.

למשל, ווען דעם איד'ס משפחה איז געקומען פון אמעריקע אויף פסח, האבן זיי געבעטן אז זיי ווילן דארט פראווען א סדר מיט דעם טאטן, און דער שופט האט מסכים געווען. זיי האבן געבעטן אז זיי ווילן כאטש ביז ניין אזייגער, ווייל זיי האבן מורא געהאט צו בעטן צופיל. דער שופט האט זיך גענומען לאכן און געזאגט

אז ער ווייסט וואס א סדר איז; עס וועט נישט זיין נאר ביז נייַן, ווייל בכלל זענען אידן נישט פונקטליך, דעריבער געבט ער זיי ביז עלעווע. ווען מען האט געהאט א שמחה אין די משפחה, האט דער שופט ארויסגעלאזט דעם טאטן זיך באטייליגן. בקיצור, דער שופט געבט נאך און נאך וואס ער קען נאר, אפילו קעגן דעם רצון פון די אמעריקאנער רעגירונג.״

## וויאזוי די אידן אין לבנון האבן געראטעוועט דעם שופט׳ס טאטן

איינמאל איז דער עסקן געגאנגען און זיך געטראפן מיט דעם שופט, און ער פרעגט אים: ״איך זאג דיר דעם אמת, דו ביסט דאך אן אראבער געבוירן אין לבנון, פארוואס ביסטו אזוי גוט צו דעם איד?״

האט ער אים געענטפערט אז שוין זעכציג יאר וואס ער זוכט א איד ער זאל אים קענען טון א טובה; זעכציג יאר וואס ערווארט שוין קוים צו טון א טובה פאר א איד. וואס איז פשט? ער דערציילט אזוי: ער איז דאך געבוירן אין לבנון, זיין טאטע איז געווען א סוחר, א גרויסער עושר, און ער אלס קינד האט געארבעט ביי זיין טאטן פון קליינוויַיז אן. ער האט געטון אלע שליחות׳ן פאר זיין טאטן, געטראגן און געברענגט צווישן די לקוחות און די סוחרים; ער איז געווען דער שליח פון זיין טאטן. ער פארציילט אז צווישן די אלע מענטשן צו וועמען ער פלעגט גייין, זענען געווען אסאך אידישע קינדער. די אידן האבן אים זייער מכבד געווען און ווארעם אויפגענומען; זיי האבן אים געגעבן טיפּס, מתנות, געלט און גוטע זאכן. זיי האבן געהאט זייער א גוטן קשר מיט אים.

איין טאג האט דער טאטע געהאט א שלעכט געשעפט מיט א גרויסן גנב, און יענער האט אים אויסגעשפילט און צוגענומען דאס גאנצע געשעפט פון זיין טאטן. ער איז געווארן, ווי מען זאגט, איבערנאכט אן ארימאן. נו, פארשטייט זיך אז דאס קינד איז מער נישט געגאנגען צו די אלע מענטשן אויף שליחות, ווייל עס איז מער נישט געווען קיין געשעפט.

איין טאג איז דאס קינד געזעסן און געוויינט אויף די גאס, די עניות אינדערהיים איז געווען געפערליך, און א איד איז אים דורכגעגאנגען. דער איד פרעגט אים: ״טייער קינד, וואס וויינסטו? וואס גייט פאר? און פארוואס קומסטו מיר מער נישט ברענגען סחורה און טון שליחות׳ן פון דיין טאטן?״ האט ער אים פארציילט אז א גנב האט געמאכט געשעפטן מיט זיין טאטן און אים באנקראטירט.

האט אים דער איד געזאגט: ״דיין טאטע איז געווען זייער ארדנטליך.״ עס האבן זיך צוזאמגענומען א פאר אידישע עשירים און אויסגעבארגט געלט פאר דעם טאטן, פאר דעם אראבער, און מען האט צוריק אויפגעבויט זיינע געשעפטן. אזוי איז עס ווייטער געגאנגען, ביז דער טאטע האט געקענט באצאלן און ער איז צוריק געווארן א גרויסער עושר.

ווען עס איז אויסגעבראכן די מלחמה, פארציילט דער שופט, זענען זיי אנטלאפן פון לבנון און אנגעקומען קיין ארגענטינע. ער זאגט אז אין לבנון זענען אויך נישט איבערגעבליבן קיין אידן. ווען ער איז אנגעקומען קיין ארגענטינע, האט ער געזען א ביסל אידן אבער נישט קיין סאך, און ער האט קיינמאל נישט געקענט געבן א מתנה פאר א איד צו באצאלן די הכרת הטוב פאר דעם וואס די אידן האבן געטון מיט אים און מיט זיין טאטן.

ער זאגט: ״יעצט איז אריינגעקומען אין תפיסה א איד מיט א בארד און פאות, מיט׳ן גאנצן אידישן טראגע; דאס געבט מיר א געלעגנהייט אפצוגעבן די הכרת הטוב וואס איך בין שולדיג פאר אידישע קינדער.״ און דערפאר טוט ער וואס ער קען נאר צו פארגרינגערן פאר דעם איד.

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, אן אראבער, א גוי וואס האט פיינט א איד, א ישמעאלי, אבער ווייבאלד מען האט אים שיין אויפגענומען, מען האט אים מכבד געווען און ארויסגעהאלפן, האט ער געראטעוועט א איד פון א ביטערן מצב אין תפיסה.

## די כוח פון אהבת ישראל און א פנים מאירות

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, לאמיר אריינטראכטן: ווען מיר נעמען אויף אלע אידן מיט א פנים מאירות, מיט א כח פון אמונה, שלום, בטחון ושמחה, און יעדער איז שמח בחלקו; אונזערע קינדער, אונזערע אייניקלעך, אונזערע עלטערן, אונזערע ברידער און שוועסטער, אונזערע שוואגערס און שוועגערינס, אלע אונזערע בני משפחה, און אלע אונזערע שכנים און שכנות בני הקהילה. ווען אידישע קינדער זענען מוותר, מען איז מוחל און מען פארגעבט, מען חנפ׳עט זיך איינער צום צווייטן — נישט קיין פאלשע חנופה, א חנופה לרשעים, נאר א חנופה פון ליבשאפט. מיר זענען דאך בני מלכים, מיר זענען ברידער, ״בני איש אחד נחנו״, מיר זענען איין עם ישראל, כאיש אחד בלב אחד, חברים כל ישראל. ווען מען געבט זיך אוועק איינער פארן צווייטן, מען בויט איינער דעם צווייטן, מען הייבט אויף און מען העלפט און מען ראטעוועט; מען שרייט נישט, מען

איז נישט מבזה, מען טרעט נישט אויף יענעם און מען פרובירט נישט יענעם צו ״פארערעכטן״, נאר מען הייבט אים אונטער.

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, אויב דער גוי האט געווארט זעכציג יאר צו טון אן הכרת הטוב, איז דאך אוודאי און אוודאי פיל מער די הכרת הטוב וואס איין איד וועט טון פארן צווייטן.

און איבער אלעם, דער הייליגער באשעפער, דער טאטע פון די קינדער — ווען דער טאטע זעט ווי זיינע קינדער האבן אינזין זיינע אנדערע קינדער, און זיי האבן זיך ליב, זיי הייבן זיך און העלפן זיך, וועט דאך אוודאי דער הייליגער באשעפער, אונזער אבינו שבשמים, אונז אזוי פיל מכיר טוב זיין, און עס וועלן זיך עפענען פילע השפעות טובות און צינורות פון טוב וחסד.

## צוגרייטן דעם הארץ צו יום הקדוש

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, מיר האבן שוין היינט דעם צווייטן טאג מאריך געווען, מיר וועלן נישט מער מאריך זיין, עס זאל בלייבן ״18 מינוט״. עס איז נאר די הייליגע טעג,

מיר ווילן אביסל אויפוועקן די הערצער צו ליבשאפט און ווארימקייט; מיר זאלן פארקוקן און אוועקגעבן אלס אן עקידה אויפן מזבח אונזער גאנצע כעס און רוגזא, אונזער קנאה, שנאה, תאוה און כבוד, און אלע אונזערע פירוד הלבבות. דאס אלעס שעכטן מיר אויפן מזבח אלס א קרבן פארן אייבערשטן. אזוי בויען מיר א פרייליכע לעכטיגע אידישע כלל ישראל, מבית ומבחוץ, ברוחניות ובגשמיות. שטעלט זיך פאר די שיינקייט, די לעכטיגקייט און די אהבה פון איין איד צום צווייטן, וואס דאס ברענגט אין הימל אזא תענוג און א נחת רוח.

ווען מען גייט אזוי צו צו דעם יום הקדוש, צו דעם יום הכפורים, ווען דער אייבערשטער זאגט ״וזרקתי עליכם מים טהורים״ — דער אייבערשטער שפריצט אויף אונז טהרה מיט אזא ליבשאפט און אהבה. מיט אזא ווארימקייט וועלן מיר דאס באקומען פונעם אייבערשטן, ווען מיר וועלן זיך אזוי אויפפירן איין איד צום צווייטן, בין אדם למקום ובין אדם לחבירו. זייט שטארק צו אידן! מיר האבן די כוחות און מיר האבן די מוחות.

צושפרייט פנים מאירות בכל קצוי תבל, כאפט דעם זכות און פועלט אלעס גוט. א גמר חתימה טובה פאר אלע אידישע קינדער, און א לעכטיגן תמיד, אמן כן יהי רצון.

**דברות קודש מכ״ק מרן רבינו שליט״א**

**א לעכטיגן גוט מארגן ערב ראש השנה כח כט חודש אלול תשפו**

**קול פנים מאירות 845-414-8211**

## ברכות און דאנק פארן באשעפער צום נייעם יאר

א גוט מארגן, דאנערשטאג פרשת האזינו, ערב ראש השנה, כ״ח אלול תשפ״ו. א פרייליכן, לעכטיגן און געבענטשטן גוט מארגן; א פרייליכן, לעכטיגן און געבענטשטן טאג; א פרייליכן, לעכטיגן און געבענטשטן יאר; א פרייליכן, לעכטיגן און געבענטשטן ערב יום טוב; א פרייליכן, לעכטיגן און געבענטשטן יום טוב; און א פרייליכן, לעכטיגן און געבענטשטן תמיד.

הייליגע לעכטיגע קינדער, ברוך הוי׳ ברוך הוא, הודו לו ברכו שמו, כי טוב ה׳ לעולם חסדו. ברוך הוא וברוך שמו, ס׳איז אדורך נאך א יאר בעזרת ה׳ ובסיעתא דשמיא, וואס מיר האבן זוכה געווען צו זאגן דעם ״גוט מארגן״ פנים מאירות. אשב״ש - ס׳איז גוט שיעור.

דער הייליגער באשעפער האט אונז געגעבן א זכיה מיט׳ן כח הרבים און זכות הרבים, אז מיר זאלן קענען זיך מחזק זיין אינאיינעם אזויפיל טויזנטער אידן; זיך שטארקן, זיך משמח זיין, און זיך מדבק זיין אין פנים מאירות, אין אשב״ש - אמונה, שלום, בטחון ושמחה - צו לעבן מיט׳ן אייבערשטן און מפרסם זיין כבוד שמים.

מען דארף עקסטער ארויסזאגן א שבח פאר׳ן הייליגן באשעפער. איך דאנק דיר, הייליגער באשעפער, איך לויב דיר! מיר האבן נישט די ווערטער ארויסצוברענגען אונזער הכרת הטוב, ״ואמרו הושיענו אלקי ישענו״. דער הייליגער באשעפער זאל העלפן מיר זאלן ווייטער קענען אנגיין מדי יום ביומו לאריכות ימים ושנים טובות, סיי פאר אונז וואס זאגן עס, און סיי פאר אלע צוהערער וואס זענען אונזערע שותפים. ס׳איז דאך ״ברוב עם הדרת מלך״, עס איז דער כח הרבים און כח הציבור, זאלן מיר קענען ווייטער ממשיך זיין מיט די עבודת הקודש געזונטערהייט, פרייליכערהייט און לעכטיגערהייט.

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, לאמיר אלע צוזאמען, טויזנטער און טויזנטער אידן, אויסשרייען פאר כלל ישראל: מיר וואונטשן אן פאר גאנץ כלל ישראל, אן קיין שום יוצא מן הכלל, בכלליות ובפרטיות, קליין און גרויס, יונג און אלט, אלע אידן בכל מקומות מושבותיהם ובכל קצוי תבל. איר זאלט האבן א כתיבה וחתימה טובה, לשנה טובה תכתבו ותחתמו לאלתר לחיים טובים ולשלום, שנה טובה ומתוקה. דער הייליגער באשעפער זאל אננעמען אלע תפילות און אלע ברכות, און עס זאל זיין א פרייליך, לעכטיג, לוסטיג, גליקליך און געזונט יאר; געזונט ברוחניות און געזונט בגשמיות פאר אלע אידישע קינדער. עס זאל זיין ביי אלע אידן ״והשיב לב אבות על בנים ולב בנים על אבותם״. עס זאל נישט זיין ביי כלל ישראל קיין שום משפחה וואס עס הערשט נישט קיין פאראייניגונג צווישן די קינדער און די עלטערן, מיט׳ן מקיים זיין כיבוד אב ואם און מורא אב ואם מיט אלע הידורים און חומרות, מיט אלע צוגעהערן און הוספות לפנים משורת הדין.

דער הייליגער באשעפער זאל האבן פון אונז און פון אלע אידישע קינדער נאר נחת דקדושה. דער הייליגער באשעפער זאל העלפן אלע אידן זאלן זוכה זיין צו זרע של קיימא און ערליכע קינדער; און די קינדער וואס דארפן צוריקקומען, זאלן אלע צוריקקומען צו די עלטערן, צו די מסורה און תחת כנפי השכינה, מיט זייער גאנצן לבוש, זייער פנימיות און זייער חיצוניות זאל זיין כולו קודש לה׳. אלע חולים זאלן נתרפא ווערן, און אלע געזונטע זאלן חלילה נישט קראנק ווערן.

דער הייליגער באשעפער זאל העלפן די שפיטעלער זאלן זיין פול נאר מיט די שונאי ישראל, און קיין שום איד זאל נישט דארפן גיין אין שפיטאל נאר אויף שמחות. דער הייליגער באשעפער זאל העלפן אידישע קינדער זאלן האבן פרנסה בריווח, אושר ועושר; עס זאל זיין אין יעדע אידישע שטוב ״ליהודים היתה אורה ושמחה וששון ויקר״. עס זאל שיינען א לעכטיגקייט און א פרייליכקייט, מנוחה ושמחה אור ליהודים; עס זאל נישט זיין קיין שום צער אדער עגמת נפש פאר קיין שום איד, מהיום ועד עולם.

דער הייליגער באשעפער זאל העלפן עס זאל זיין א תורה׳דיג לעבן, א מסורה׳דיג לעבן, א פתיחת המוח והלב פאר יעדן איד צו תורה, עבודה, יראת שמים און מדות טובות. דער הייליגער באשעפער זאל העלפן מיט זיווגים הגונים; עס זאל נישט זיין קיין איין עלטערע בחור אדער מיידל, קיין איין גרוש אדער גרושה, און קיין איין אלמן אדער אלמנה; עס זאל זיין נאר אהבה, אחוה, שלום ורעות ותשואת חן.

דער הייליגער באשעפער זאל העלפן אידישע קינדער זאלן זיין עשירים און מיליאנערן; עס זאל חלילה נישט פעלן קיין פרנסה פאר קיין איד. אלע גזירות רעות זאלן בטל ומבוטל ווערן כעפרא דארעא, און אידישע קינדער זאלן זיך קענען שטארקן און מקדש זיין שם שמים, און נאר טון נחת רוח פאר׳ן הייליגן באשעפער.

דער הייליגער באשעפער זאל העלפן אז אלע אידן, אן קיין שום יוצא מן הכלל, זאלן מוחל זיין און סובל זיין יעדן איינעם. אלע

אידן זאלן זיך אנוואונטשן, איבערבעטן און מאכן אן אחדות אין גאנץ כלל ישראל - אלע משפחות, אלע קהלות, אלע חברים מיט חברים און אלע חבר'טעס מיט חברטעס. גאנץ כלל ישראל זאל זיין אין אן אחדות, א ליבשאפט, א ווארימקייט און א דערהויבנקייט; עס זאל זיין א שנת גאולה וישועה.

הייליגע לעכטיגע קינדער, די אלע ווערטער וואס מיר האבן געזאגט, וואונטשן מיר אינאיינעם. לאמיר וואונטשן פאר כלל ישראל מיט א כח הרבים, און נאכדעם בעטן דעם הייליגן באשעפער: הייליגער באשעפער, זיי אונז און אלע אידן בכל קצוי תבל כי לא ידח ממנו נדח. יעדן איינעם זאל דער אייבערשטער מוחל זיין, און פאר יעדן זאל דער הייליגער באשעפער פארשרייבן א גוט יאר. דער הייליגער באשעפער זאל העלפן עס זאל זיין הרחבה והרווחה, מנוחה ושמחה; עס זאל נישט זיין קיין אנטיסעמיטיזם, און מען זאל זיך נישט דארפן מוטשענען מיט די אומות העולם; עס זאלן נישט זיין קיין מלחמות וואס שאדן פאר אידן. דער הייליגער באשעפער זאל העלפן משיח זאל שוין קומען און די גאולה זאל שוין דא זיין. מיר זאלן נאך זוכה זיין היי יאר יום כיפור צו זען "ועינינו תראינה" ווי דער כהן גדול טוט די עבודה אין בית המקדש השלישי. מיר זאלן זוכה זיין צו א ריכטיגע שמחת בית השואבה אין בית המקדש השלישי בירושלים עיר הקודש.

דער הייליגער באשעפער זאל העלפן אלע תפילות זאלן גיין לייכט און מיט רואיגקייט. אידישע קינדער זאלן האבן געדולד, רואיגקייט און שמחה; אידישע קינדער זאלן ליב האבן די ימים טובים. דער הייליגער באשעפער זאל העלפן מען זאל קענען מקיים זיין אלע מצוות התורה. עס זאל אריינקומען אין יעדע בית המדרש, אין יעדע קהלה און אין יעדע משפחה אן אור, א לעכטיגקייט און א פרייליכקייט. קיינער זאל נישט זיין צובראכן, און קיינער זאל נישט שפירן אז עס פעלט אים עפעס. מיר זאלן באמת ליב האבן דעם אייבערשטן און טראסטן אין אים ווי געטרייע קינדער און געטרייע סאלדאטן.

דער הייליגער באשעפער זאל העלפן; וויפיל ברכות מיר האבן יעצט געוואונטשן און וויפיל תפילות עס זענען דא אין די ברכות, "יוסף ה' עליכם ככם אלף פעמים". דער הייליגער באשעפער, וואס ווייסט אלע אונזערע געברויכן, זאל אלס כל-יכול צוליגן דערצו און מאכן צירופי אותיות און שמות פון די ווערטער פאר'ן כלליות פון כלל ישראל, פאר'ן פרטיות פון כלל ישראל, און פאר יעדן איד עקסטער. דער הייליגער באשעפער זאל העלפן מיר זאלן אלע זוכה זיין צו ברענגען נאר א תענוג און א נחת רוח פאר'ן הייליגן באשעפער מיט אלע אונזערע מעשים - במחשבה, דיבור ומעשה, ובחכמה בינה ודעת - מיט אלע אונזערע כוחות און טאלאנטן. מיר זאלן חלילה נישט האבן קיין שום שייכות נאר מיט תורה, קדושה און די מסורה, און גארנישט מיט די גוי'אישע וועלט. דער הייליגער באשעפער זאל העלפן עס זאל נתבער ווערן די רע מן העולם; עס זאל נתבער ווערן די כפירה און פארברענט ווערן כעשן; עס זאל פארברענט ווערן די מינות און די אפיקורסות. דער הייליגער באשעפער זאל העלפן אז די גוי'אישע שטודירטע מהלכים און אלע קאלעדזשעס זאלן נתבער ווערן מן העולם און בטל ומבוטל ווערן כעפרא דארעא. אידישע קינדער זאלן נאר לעבן אין קדושה, טהרה, תורה, עבודה און יראת שמים. דער הייליגער באשעפער זאל העלפן עס זאל זיין א שנת גאולה וישועה, אמן כן יהי רצון.

### אבינו מלכנו: דער חילוק צווישן א מלך בשר ודם און דעם באשעפער

דער קעניג פון עסטרייך האט געהאט א טאכטער וואס איז געווען די ווייב פון נאפאליעאן פון פראנקרייך. די טאכטער האט געבעטן פונעם טאטן, אז היות עס קומט פאר א גרויסע מלחמה און אסאך קעניגרייכן ווילן אונטערברענגען און מוריד זיין די מלוכה פון נאפאלעאן, זאל דער מלך פון עסטרייך זיך קומען אננעמען פאר זיין איידעם נאפאלעאן.

האט דער קעניג פון עסטרייך געענטפערט פאר זיין טאכטער: עס איז אמת אז דו ביסט מיין טאכטער, אבער א מלך פון א מדינה האט נישט קיין טאכטער. א מלך פון א מדינה דארף מאכן זיכער אז ער דינט די מדינה און קוקט בלויז אויף די אינטערעסן פון זיין לאנד, און גארנישט עפעס אנדערש.

דאס איז אבער ביי א מלך בשר ודם. אונז זאגן מיר אבער ביים דאווענען "אבינו מלכנו" – רבונו של עולם, הייליגער באשעפער, ווען דו זעצט זיך אויפן כסא משפט צו משפטן כלל ישראל, שטייט טאקע "מלך במשפט יעמיד ארץ", **אבער געדענק "אבינו" – דו ביסט אויך אונזער טאטע, און א טאטע האט רחמנות אויף זיינע קינדער**. אויב מען וועט פרעגן: א מלך קען דאך נישט טון זאכן בלויז ווייל זיי זענען זיינע קינדער, ער מוז דאך קוקן אויף די טובת המדינה? אויף דעם זאגן מיר: "אין לנו מלך אלא אתה". דער הייליגער באשעפער איז אנדערש ווי א מלך בשר ודם. א מלך בשר ודם איז נאר א מלך ווייל דער עולם, דער ציבור, דאס פאלק האט אים אויסגעוועלט פאר א מלך און זיי מאכן אים פאר א קעניג, און זיי קענען אים אויך אראפשטעלן. מה שאין כן כביכול דער הייליגער באשעפער; ער איז נישט קיין

מלך ווייל מיר האבן אים אויסגעוועלט, נאר "מלכותו בכל משלה" – דער באשעפער איז א מלך מצד עצמו.

ממילא, א מלך וואס דארף נישט דינען די אינטערעסן פון די מדינה ווייל ער ארבעט פאר זיי, נאר ער איז דער מושל אליין, דעמאלטס קען דער מלך יא אינזין האבן זיינע קינדער און מאכן אויסנאמען פאר זיי.

דעריבער שרייען מיר אויס ראש השנה: "אבינו" – דו ביסט אונזער טאטע, אפילו דו ביסט "מלכנו". און אויב א מלך בשר ודם דארף דינען די אינטערעסן פון זיין מדינה, זאגן מיר "אין לנו מלך אלא אתה" – עס איז נישטא קיין שום אנדערע מלך, און עס איז נישט שייך עס זאל זיין נאך א מלך וואס זאל זאגן אז ער דארף קוקן אויף די אינטערעסן פון די מדינה.

נו, וואס איז אונזער ארבעט? אונזער ארבעט איז אויסצושרייען און אנערקענען אז "אין לנו מלך אלא אתה", עס איז גארנישט דא אויף דער וועלט אויסער מלכות שמים. אז מיר שרייען אויס "טאטע! געדענק ווען דו זעצט זיך אויפן כסא המשפט אז מיר זענען דיינע זין און טעכטער", זאגט דער אייבערשטער: און וואס טוט זיך מיט דעם מלכות? דארפן מיר אויסשרייען: "דו ביסט נישט א מלך ווי א מלך בשר ודם, חלילה. דאס איז א מלך פון 'אין עוד מלבדו', עס איז נישטא קיין שום כח בעולם חוץ מלכותו יתברך, 'לית אתר פנוי מיניה'". דאס איז א גאר אנדערע מין מלכות. דורך דעם וואס מיר שרייען דאס אויס, קענען מיר בעטן אז דער אייבערשטער זאל זיך פירן צו אונז ווי א טאטע פירט זיך צו זיינע קינדער.

## די עבודה פון שמחה און ישוב הדעת אין די הייליגע טעג

אבער הייליגע לעכטיגע קינדער, וואס מיר בעטן דארף מען זיך טאקע אזוי אויפפירן. מיר דארפן זיך פירן אזוי ווי מען פירט זיך צו א מלך וואס "מלכותו בכל משלה", הקל הגדול הגבור והנורא. מיר דארפן זיך פירן ווי קעניגליכע קינדער, ווי עס פאסט פאר בני מלכים, כדי מיר זאלן קענען זאגן "אם כבנים אם כעבדים".

הייליגע אידישע קינדער, נאר אויב מען איז בשמחה און מען פרייט זיך אז מען איז א איד, מען פרייט זיך מיט די תורה, מיט דעם בורא, און מיט אלע אידן, דעמאלטס קענען מיר בעטן פונעם אייבערשטן אז ער זאל אויף אונז רחמנות האבן "כרחם אב על בנים", אבינו מלכנו.

דער הייליגער בית אהרן האט געזאגט, אז כדי מען זאל קענען טון די ריכטיגע עבודה אין די הייליגע טעג פון ראש השנה און יום הקדוש, דארף מען האבן א קלארן מוח און א קלארן דעת, וואס דאס קען נאר קומען דורך שמחה און ישוב הדעת. שמחה און ישוב הדעת ברענגען א קלארן מוח, און דעריבער איז דאס שוין א חיוב אריינצוגיין אין די הייליגע טעג מתוך שמחה.

## היטן דאס מויל און זיין אפגעהיטן פון 'זויערע' רייד

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, א וויכטיגע זאך דארף מען דא מעורר זיין.

דער בעל תפילה ביים קאצקער רבי'ן איז געווען ר' הירש פארצאווער, וואס האט נאך געדאוונט ביים הייליגן ר' שמחה בונם פון פשיסחא. איינמאל האט ר' הירש פארצאווער געהאט א גרויסע שריפה און זיין גאנצע פארמעגן איז פארברענט געווארן. ווען ער איז געקומען זיך אויסוויינען צום קאצקער רבי'ן, האט אים דער רבי געזאגט: "דו ווייסט פארוואס? ווייל אין די ימים נוראים האסטו געמאכט חזנות; ביי 'ימי באש' האסטו געצויגן די תנועה." איר הערט, הייליגע אידישע קינדער? אין די הייליגע טעג דארף מען האבן אן אפגעהיטענע מויל.

בלויז א משל: פונקט היינט האט איינער געפרעגט אויב מען מעג עסן וואס מען רופט דא אין אמעריקע **"סאערדאו" (Sourdough) חלות, זויערטייג חלות**.

די תשובה אויף דעם איז אזוי: די חלות מעג מען עסן, ווייל דאס זענען די אריגינעלע חלות וואס אונזערע עלטערן האבן געגעסן דורי דורות; עס איז גאר א נייע זאך אז מען האט אנדערע מיני חלות.

**אבער דאס ווארט "זויער" טאר מען נישט זאגן, נישט נאר אין די הייליגע טעג, נאר אפילו א גאנץ יאר. מיר עסן נישט קיין זויערס. מען דארף עס רופן "אריגינעלע חלה", נישט "זויער חלה".**

דער אמת איז אז עס איז אויך נישט ריכטיג עס צו רופן אזוי, ווייל זויערטייג איז נישט די טייג וואס מיר עסן; זויערטייג איז דאס וואס מאכט אז די טייג זאל זיך אויפבלאזן. מען לייגט נאר אריין א ביסעלע זויערטייג אנשטאט "יוסט" (Yeast), און דאס בלאזט אויף די טייג. זויערטייג אליין קען מען נישט עסן. דעריבער איז דאס נישט קיין זויערטייג און מען טאר עס נישט אזוי רופן. עס איז נישט פאסיג, זיכער נישט אין די הייליגע טעג און אפילו נישט א גאנץ יאר, ווייל דאס משפיע זויערקייט.

**די אלע וואס עסן די חלה דארפן עס רופן "אריגינעלע חלה" אדער "אריגינעלע ברויט", נישט זויערטייג.** א איד זאגט נישט "זויערטייג". מיר זענען נישט קיין זויערע, מיר זענען זיסע.

## מחשבות פון 'טוב': לעבן מיט בטחון נישט פחד און יאוש

דער קאזשניצער מגיד ברענגט בשם דעם הייליגן רבי ר' בער, אז א איד דארף אריינקראצן אין זיין מחשבה דורכאויס די הייליגע טעג אז אלעס זאל זיך דארט דרייען נאר "טוב". א רשע, ווען ער דערמאנט זיך זיינע חטאים, עוונות און פשעים אין די הייליגע טעג פון ראש השנה, עשרת ימי תשובה און יום כיפור, הייבט ער אן צו ציטערן; ער וויל טאקע תשובה טון, אבער למעשה לעבט ער אין יאוש. ער טראכט נאר פון די עוונות און די עונשים. זאגט דער הייליגער רבי ר' בער: אזא מענטש ווערט תיכף פארשריבן חס ושלום אז ער זאל נישט משלים זיין זיין יאר, ווייל די אלע מחשבות ברענגען אים צו ציטערן אז ער גייט אוועקגיין פון דער וועלט.

מה שאין כן צדיקים, ערליכע אידן, זיי האבן אויך מורא פונעם אייבערשטן און פונעם יום הדין, **אבער זיי לעבן אין ישועות, אין בטחון און אין חסדים. זיי שטארקן זיך די גאנצע צייט צו האבן מחשבות פון "כתבנו לחיים טובים", "וכתוב לחיים טובים", "זכרנו לחיים טובים", "בספר חיים", און אזוי ווייטער.**

אפילו ווען ער טראכט אביסל פון זיינע עבירות וואס ברענגט א קטרוג, איז ער מסיח דעת און לאזט עס אפ; ער טראכט: "איך זינדיג מער נישט, איך בין מקבל עול מלכות שמים, כי לא ידח ממנו נדח, טוב ה' לכל ורחמיו על כל מעשיו". ער האט אינזין דעם שם ע"ב, צוויי און זיבעציג כמנין חסד, און מיט דעם פארשרייבט ער זיך א לעבטיג, פרייליך, לוסטיג און גליקליך יאר.

## ראש השנה אלס דער 'בלו-פרינט' פארן קומענדיגן יאר

הייליגע לעבטיגע אידישע קינדער, לאזט נישט קיין מחשבות פון עצבות, מרה שחורה אדער פחדים אריינקומען צו אייך פון יעצט ביז נאך אלע הייליגע טעג, און נאכדעם וועלן מיר עס, אם ירצה השם, ממשיך זיין א גאנץ יאר. דאס איז א זייער וויכטיגע זאך.

און די זעלבע זאך דארף מען היטן וואס מ'רעדט, נאר צו רעדן גוטע רייד. צוליב דעם האבן אסאך צדיקים זייער אנגעווארנט מ'זאל אין די הייליגע טעג פון ראש השנה גארנישט רעדן קיין דברים בטלים. גארנישט קיין דברים שאין בהם צורך, נישט סתם שמועסן, כדי מ'זאל זיך אפילו נישט בטעות פארהרעדן.

**מ'זאגט נישט ארויס קיין 'זויער', מ'זאגט נישט 'ביטער', מ'זאגט נישט 'שארף', מ'זאגט נישט די אלע ווערטער. אסאך צדיקים האבן אפילו נישט ארויסגעזאגט דאס ווארט 'סודה' (סאדא), ווייל סודה מיינט ציפן,** און אזוי ווייטער. אלע זאכן וואס ווייזן חלילה וחלילה אויף נישט גוטס, אדער אפילו נאר בדרך רמז, האט מען שוין נישט גערעדט, נישט געזאגט און נישט געטון.

יעצט זענען הייליגע טעג ווען אידישע קינדער לייגן זיך אריין אין פאזיטיוויטעט במחשבה, בדיבור ובמעשה. דאס איז אונזער עבודה וואס ברענגט אונז אזוי פיל פאזיטיווע ישועות און ברכות.

דער הייליגער רבי פנחס קאריצער זאגט אז ראש השנה איז א בילד פון דעם גאנצן יאר. אזוי ווי א מענטש פירט זיך אויף ראש השנה, אזוי וועט מען זיך פירן מיט אים א גאנץ יאר. **זאגט רבי פנחס קאריצער דערפאר עסט מען נישט, , קיין זויערס. א מענטש זאל אפילו נישט דארפן מאכן דאס פארקרומטע פנים וואס מ'מאכט ווען מ'עסט זויערס.** אפילו דאס היט מען אפ נישט צו מאכן ראש השנה, כדי ס'זאל נישט ווערן א בילד פון א קרומע פנים אויף א גאנץ יאר.

צוליב דעם האט רבי פנחס'ל קאריצער קיינמאל נישט געוואלט זאגן קיין תקיעת שופר דרשה, כדי חלילה וחלילה זאל נישט ארויסקומען בטעות עפעס א ווארט וואס מאכט נישט קיין גוטן רושם.

זאגט רבי פנחס'ל קאריצער: א גאנצן טאג תורה און תפלה, און ביי די סעודה זאל מען אויך נישט רעדן צופיל. ער זאגט אז ס'איז אזוי ווי א מענטש וואס וויל בויען א הויז און ער צייכנט זיך אן א 'בלו-פרינט'; מ'צייכנט אן פאראויס אלע צימערן פונקטליך וויאזוי ס'וועט ווערן געבויט, אזוי אויך ראש השנה צייכנט מען אן דעם גאנצן יאר.

ער זאגט אזוי: אזוי ווי מ'נעמט א שטיקל זאלץ וואס ווערט גערופן 'טולפין' און מ'קאכט עס אין א טאפ צו מאכן א נייע טאפ, וואס פאסירט? די זאלץ ווערט איינגאנצן אויסגעמישט, די אויבערשטע מיט די אונטערשטע, ס'ווערט א גאנצע צעמישעניש פון אלטע מיט נייע. אזוי איז אויך ראש השנה. ראש השנה דרייט זיך איבער און ס'מישט זיך אויס די גאנצע וועלט, דעריבער דארף א מענטש היטן יעדע ווארט און יעדע זאך וואס ער זאגט.

איינמאל איז רבי פנחס קאריצער אריינגעקומען אין בית המדרש און איינער האט אים געגעבן א שטופ צו א שטענדער.

האט ער געזאגט אז אפילו דעם שטענדער משפט מען ראש השנה צי ער זאל בלייבן גאנץ אדער צובראכן ווערן.

**ממילא, הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, דארף מען זייער היטן נישט צו האבן קיין עצבות אדער מרה שחורה, נישט במחשבה, נישט בדיבור און נישט במעשה, נאר היטן יעדע ווארט.**

דער הייליגער צאנזער רב האט נישט געזאגט 'מעסער' נאר 'עסער'. ביי אונז האט מען נישט געקויפט קיין מעסער אויף ראש השנה פאר א סגולה, ווייל כאטש א מעסער איז א גוטע זאך מיט וואס מ'קען שניידן חלות און גוטע עסן, איז עס אבער אויך א זאך וואס קען טון מסוכנ'דיגע זאכן. ממילא האט מען דאס ביי אונז אפילו נישט געקויפט אויף ראש השנה און מ'האט זיך נישט געפירט מיט דעם מנהג.

## אומגיין מיט נסיונות און די געוואלדיגע כח פון אחדות

אידישע קינדער דארפן מקפיד זיין אויף מחשבה, דיבור ומעשה; ס'איז נישטא קיין פחדים און ס'איז נישטא קיין אנגעצויגנקייט.

אבער איך וויל צולייגן א וויכטיגע זאך: אויב ס'קומען יא אריין די אלע מחשבות, טאר מען זיך נישט שרעקן פון דעם. די ספרים הקדושים שרייבן און די צדיקים האבן געזאגט: ״השוכן אתם בתוך טומאתם״. א איד זאל זאגן פארן אייבערשטן: ״מיט וועלכע נסיונות איך האב נאר, ברוחניות ובגשמיות, אזוי דין איך דיר ראש השנה. איך האב דיך ליב און איך דין ווייטער דעם אייבערשטן אזוי ווי עס איז״. מיר זאגן יסודות וואס א מענטש זאל ארבעטן דערויף, אבער אויב ער האט חולשות אדער שוועריגקייטן, זאל ער קיינמאל נישט צובראכן ווערן. ראש השנה ווערט מען נישט צובראכן, מ'ווערט נישט פארלוירן און מ'ווערט נישט דערשראקן. דער אויבערשטער איז גוט, ער טוט נאר גוט, ער זעט דיין הארץ און ער זעט דיין אמת.

דער הייליגער קדושת לוי, דער בארדיטשובער רבי לוי יצחק בן שרה סאשא בן מאיר, האט אמאל געזאגט ראש השנה פארן הייליגן באשעפער אזוי: ס'איז דא ס' ריבוא אותיות לתורה און ס'איז דא ס' ריבוא נשמות פון אידישע קינדער. ווען די תורה איז גאנץ, א גאנצע ספר תורה, טאר מען נישט אויסמעקן אפילו איין אות. אבער אויב די תורה איז צוטיילט אויף פינף חומשים, דעמאלטס גייט נישט אן דער איסור, ווייל ס'האט שוין נישט די קדושה פון א ספר תורה און ס'איז נישטא דער איסור פון ״לא תעשון כן לה' אלקיכם״.

דאס ווייזט אז ווען אידישע קינדער זענען באחדות און זיי זענען איינס, קען קיין שום קטיגור נישט שולט זיין אויף זיי. אבער אויב חלילה זיי זענען צוטיילט, דעמאלטס איז דא א מקום וואו דער קטיגור קען אריינקומען.

ממילא, הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, מיר גייען **ארויס פונעם יאר און אריין אינעם נייעם יאר מיט אחדות.** אחדות מיינט אז מיר זענען זיך מאחד מיט דעם אייבערשטן, מיט די תורה און מיט כלל ישראל. ״אתה אחד ושמך אחד, ומי כעמך ישראל גוי אחד בארץ״. מיר האבן גארנישט, מיר דארפן גארנישט, מיר טראכטן גארנישט און מיר זענען גארנישט, מיר טוען גארנישט נאר תורה, עבודה, יראת שמים, אמונה, בטחון און שמחה; לעבן מיטן אייבערשטן און לעבן בשלום.

מיר זענען מקבל אויף זיך צו מאכן א תיקון דורך דעם וואס מיר זענען עס יעצט מקבל, און בעזרת השם אזוי צו ענדיגן דאס יאר און אזוי אנפאנגען דאס נייע יאר, און עס ממשיך זיין ״כי הם חיינו ואורך ימינו״ ביז משיח'ס טאג, בעזרת השם ובסיעתא דשמיא. פועל'ט אלעס גוטס!

שנה טובה ומתוקה. דער הייליגער באשעפער זאל העלפן מ'זאל קענען גוט דאווענען, מ'זאל האבן די ריכטיגע חכמה, בינה ודעת, און די ריכטיגע כוחות און מוחות, אז מ'זאל קענען טון דעם רצון השם פיר או צוואנציג זיבן און קיין שום היסח הדעת. עס זאל זיין א לעכטיגער יום טוב, א פרייליכער יום טוב, א געזונטער יום טוב ברוחניות ובגשמיות, און אלע תפילות זאלן נתקבל ווערן ברחמים וברצון.

וימלא משאלותינו, במידה טובה ישועה ורחמים.

א גוטע כתיבה וחתימה טובה, און א גוט געבענטשט יאר, א פרייליך יאר, א לעכטיג יאר, א לוסטיג יאר. בעזרת השם וועלן מיר זיך נאך אינאיינעם מחזק זיין לאורך ימים ושנים טובות. דער הייליגער באשעפער זאל העלפן עס זאל זיין בלויז אך טוב וחסד און א תמידית'דיגע לעכטיגקייט, אמן כן יהי רצון.

גוט יום טוב, גוט יום טוב.